איציק מאַנגער פֿון שטערן אויפֿן דאַך (1929)

## די באלאדע פון דעם כלה-שלייער

מיטן-נאכט האט אויסגעקלונגען
צוועלף שארפע, שווארצע קלאנגען.
וויינט דאס בלייכע כלה-מיידל –
"ווער וועט מיר דעם שלייער שפינען?
ס'איז מיין פֿאָדים אויסגעגאנגען!"

עפֿנט זיך די טיר פּאַמעלעך.
זיבן זקנות, שטילע בלייכע
הינקען טיף אין שטוב ארײַן,
אויגן – אָוונט-שאטנס ווייכע: –
"לאז ניט דיינע טרערן רינען,
וועלן מיר דיין שלייער שפינען
מיט די האָר די זילבער-ווײַסע".

וועבן קרומע באָבע-פינגער
ווײַסע האָר ארײַן אין שלייער.
פינקלען זייערע טונקלע אויגן
מיט א מאָדנעם קילן פײַער.
פּאַלט א שאָטן אויף דער שויב
פון א פרעמדן ווייטן גייער.

צאַנקט דער געלער שײַן פון לעמפּל,
זיבן זקנות זיצן, שפינען:
ערגעץ פֿאָכעט שוין א פליגל
און ס'אָטעמט מיט באגינען.
"זײַ געזונט, מיר מוזן גייען".
ס'ליגט דער שלייער ווײַס, ווי שנייען
אויפן טיש און ציטערט, ציטערט.

און ביים שײַן פון מארגנשטערן
שטייט דאס מיידל פארן שפּיגל
און ס'פאָכעט קיל דער שלייער
מיט צוויי ווײַסע טויטע פליגל.
בלאער פלעקן זיך די שויבן.
און די פלעקן שפריצן פֿײַער.
און דאס מיידל ווערט אלץ בלייכער,
ווייס און ווייסער ווי דער שלייער.

## THE BALLAD OF THE BRIDAL VEIL

Midnight tolls, twelve black strokes.
The young bride weeps: "My thread has run out. Who will weave my bridal veil?"
Slowly the door opens. Seven old women limp silently into the house, their eyes soft as evening shadows.
"Dry your tears, child. We will weave your bridal veil".
All night long they weave with gnarled fingers, using their own white hair for thread, their dark eyes sparkling with cold fire.
A shadow cast by a far-off wanderer crosses the window-pane. The seven old women spin and weave, until the yellow lamplight flickers and a quiver of wings announces the dawn.
"Farewell, child, we must leave now".
The veil shimmers white as snow upon the table. By the light of the morning-star, the bride stands before the mirror. Blueness streaks the window-pane, and as the blueness sprouts fire, the veil flutters cooly, with dead white wings. And the young bride's face grows whiter and whiter, like the veil.

Translated by Sacvan Bercovitch, 1977

## די באלאַדע פון די דריי ווײַסע טױבן

## THE BALLAD OF THE THREE WHITE DOVES

זאגט דאס מיידל צום שפיגל א שפרוך:
"איינס און איינס איז צוויי".
קומען צו פליען פון דער ווײַט
דריי ווייסע טויבן ווי שניי.

די אויגן איינמאָל צוגעמאַכט
און אויפגעמאכט צוריק –
"ווייסע טויבן, ברענגט מיר שנעל
דאס גאָלדענע רינגל-גליק!"

איז איינס געפלויגן קעגן נאכט,
האט זי די נאכט געפאַנגען.
און אויף איר שווארצן מירמלשלאָס,
ווי א צלם אויפגעהאַנגען.

געפלויגן, געפלויגן די צווייטע טויב,
געפלויגן קעגן מארגן.
האט זי געכאפט א רויטער שטראל,
און אויפן ארט דערוואָרגן.

דאס דריטע טייבעלע האט דער וואלד
מיט בלאנדזשע-ליכט פארשפינען.
האט עס פארבלאנדזשעט און קען שוין ניט
צוריק דעם וועג געפינען.

דער שפיגל איז בלא, דאס מיידל בלייך
און געל די ליכט די צוויי.
אין שפיגל ציטערן שאָטנס דריי –
דריי ווייסע טויבן – ווי שניי.

The girl chants an incantation to the mirror: "One and one makes two". From afar three snow-white doves come flying. The girl's eyes close once and then open again."White doves, bring me quick the golden ring of happiness".
One dove flies toward the night; the night catches her and hangs her like a cross behind black doors.
The second dove flies toward the morning; she's strangled by a red ray of dawn.
The third dove flies toward the forest, and loses her way forever in a web of wandering lights.
The pale girl sits before the blue mirror between two yellow candles. Three shadows tremble in the mirror -- three doves, white as snow.

# די באַלאַדע פֿונעם ווײַסן שײַן

„גענוג געיאָמערט, טעכטערל,
און אויסגעוויינט דעם פּײַן!“
— זע מאַמע, אויפֿן פֿאָן פֿון נאַכט
אַ ווײַסן קילן שײַן.

„אַ טעות־ליכט, מײַן טעכטערל,
אַ טעות־ליכט, ניט מער.
אויף פּוסטע וועלדער זאָל עס גיין
און שוין ניט קומען מער“.

— ווי קען עס דען אַ טעות־ליכט,
אַ טעות־ליכט גאָר זײַן?
ס'צאַפּלט דאָך מײַן אייגן האַרץ
אין ווײַסן קילן שײַן.

„זאָג גיכער קרישמע, טעכטערל,
גאָט ווייסט, וואָס דאָס באַטײַט!“
— דער ווײַסער שײַן איז, מאַמעשי,
אַ רוף פֿון יענער זײַט.

און אַז מען רופֿט, ווי קען איך דען,
ווי טאָר איך דען ניט גיין?
צי קען איך דען מײַן אייגן האַרץ
לאָזן דאָרט אַליין?

אין דרויסן איז אַ שטורעמווינט,
אין דרויסן איז אַ שניי.
איין רגע נאָך, דו ווײַסער שײַן,
איין רגע און איך גיי.

זי כאַפּט אויף זיך דאָס שאַלעכל,
דאָס שאַלעכל איז רויט,
און רויטער נאָך איר אייגן בלוט
און ווײַס דער שײַן פֿון טויט.

די מאַמע שטייט בײַם פֿענצטערל
און קוקט און קוקט זיך אײַן

און זעט דעם מיידל־סילועט
פֿאַרגיין אין ווײַסן שײַן.

# *The Ballad of the White Glow*

"You've grieved enough, my daughter dear,
You've mourned enough, your woe."
"Mother, see, in the depth of night—
A cool, white glow."

"It's a will-o'-the-wisp, my daughter,
A will-o'-the-wisp, be sure.
May it always wander the empty fields
And come here nevermore."

"It cannot be a will-o'-the-wisp,
It may not be false fire
Because my heart, in that cool glow,
Is throbbing with desire."

"Say your prayers, my daughter.
I cannot understand—"
"Mother, the white glow calling me
Calls from the beyond.

What shall I say to my urgent heart?
Shall I refuse to go?
If it is my calling heart,
Shall I answer 'No'?"

The storm is blowing out of doors,
Outside there whirls the snow.
"Wait one moment more, white light.
One moment and I'll go."

Quickly, quickly, she takes up
Her little crimson shawl.
Her own red blood is a brighter red—
The look of death is pale.

Long, long at the windowpane,
Her mother sees her go,

Until the virgin silhouette
Fades in the pallid glow.

*Leonard Wolf*

# די באַלאַדע פֿון דעם לײַזיקן מיט דעם געקרייציקטן

שטייט דער לײַזיקער אויפֿן טונקלען שליאַך,
און וועקט דעם געקרייציקטן פֿונ'ם שלאָף:

— ווער האָט דיר געזאָגט, אָ, יעזוס, ווער,
אַז דײַן קרוין איז הייליקער פֿון מײַן טרער?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אָ, יעזוס, זאָג,
אַז דײַן קרוין איז הייליקער פֿון מײַן פּלאָג?

שטאַמלט יעזוס: — איך בין אַ קינד,
און מײַן היים איז דער צלם אויפֿן ווינט.

שטאַמלט יעזוס: — וויי און דרײַ מאָל וויי
צו מײַן רויטן פֿרילינג אויפֿן ווײַסן שניי.

פֿיבערט דער לײַזיקער: — ווו איז מײַן היים?
שפּינוועבס און נאַכט און ווינט און ליים.

ווו איך שטעל מײַן טראָט, בין איך אין דער פֿרעמד,
און לײַז, ווי שטערן, ברענען אין מײַן העמד.

און דיך צוויי פֿרויען וויגן דיך אויף ווינט,
איינע שטאַמלט: „געליבטער!" און די צווייטע: „קינד".

פֿאַר דײַן יעדער וווּנד איז אַ ליפּ פֿאַראַן,
וואָס הייליקן דײַן גוף, געקרייצטער מאַן.

פֿאַר דײַן יעדן דאָרן זענען קני פֿאַראַן,
וואָס הייליקן דײַן קרייץ, געקרייצטער מאַן.

און איך בין צו די הינט און שאָטנס גלײַך,
וואָס וואָיען הפֿקר אויפֿן טונקלען שליאַך.

שטאַמלט יעזוס: — לײַזיקער, איך גלייב,
אַז דרײַ מאָל הייליק איז דײַן טרער און שטויב!

און פֿון דעם צלם רינט אַ זילבערן געוויין,
שמייכלט דער לײַזיקער און לאָזט זיך פֿריילעך גיין

מיט שווערע טריט אין שפּעטן דאָרף אַרײַן
נאָך אַ לאַבן ברויט, און נאָך אַ בעכער ווײַן.

# The Crucified and the Verminous Man

On the darkening road, stands the verminous man
Who rouses from sleep the crucified one.

"Tell me, O Jesus, where did you hear
That your crown is holier than my tear?

Jesus, tell me, who says that your crown
Is holier than all my pain?"

King Jesus stammers, "I'm only a child
Whose home is the wind where I'm crucified."

King Jesus stammers, "Woe and thrice woe
To my scarlet spring amid fallen snow."

Feverish, the verminous man says, "My home
Is cobwebs and night and wind and loam.

Forever a stranger, wherever I go,
Lice flicker like stars in my shirt—they glow.

You are rocked on the wind by two women so mild.
One murmers, 'Beloved,' the other says 'Child.'

There are pitying lips for each of your wounds;
They hallow your flesh, O crucified man.

There are bended knees for each of your thorns;
They hallow your cross, O crucified man.

While I am like shadows, or dogs that bark
Or howl, abandoned on roads after dark."

King Jesus stammers, "O wretch, I believe
*Your* dust is more holy, more holy your grief."

From the crucifix trickles a thin, silver cry;
Smiling, the verminous man turns away

With heavy step toward the evening town
For a loaf of bread and a pitcher of wine.

*Leonard Wolf*

# די באַלאַדע פֿונעם רויטן פֿינגערל

זיצט דאָס מיידל אויפֿן גאַניק,
און ס'פֿלאַמט איר בעקל.
העפֿט פֿון גאָלד און זילבער־פֿעדים
אויס א תּפֿילין־זעקל.
פֿאַרן חתן וואָס דאַרף קומען
פֿון גרויס־מדינה פּוילן,
ווי ס'ווילן טאַטע־מאַמע,
און ווי גאָט באַפֿוילן.

שטאָך און שטאָך און שטאָך און שטאָך
און זי טוט אַלץ טראַכטן.
פֿליט א טאָג און פֿליט א וואָך,
נאָר אין די פֿאַרנאַכטן
פֿאַלט איר האַנט אַנידער מיד,
און ס'דעמערט ווי א ליד
אויף איר אין דער טרויער.

קומט אַמאָל א שוואַלב צופֿליִען
טיף פֿון פֿעלד און קאָרן.
זי האָט א פֿליגל זיך צעבלוטיקט
אין א שאַרפֿן דאָרן.
שטעלט די שוואַלב זיך אויף איר פֿינגער
ס'האָט די שוואַלב פֿאַר איר געבראַכט
א פֿינגערל א רויטס פֿון בלוט,
און דאַן אַוועק אַקעגן נאַכט.

רופֿט די מאַמע: "קום שוין שלאָפֿן!"
און דער טאַטע כראָפּעט האַרט.
נאָר דאָס מיידל אויפֿן גאַניק
זיצט און וואַרט און וואַרט און וואַרט.
ביז פֿון מיטן־נאַכט צופֿאָרן
קומט א פֿרעמדער, שוואַרצער מאַן.
און ער טראָגט אין האַנט דער טונקעלער
שווער א שוואַרצן טשעמאָדאַן.

– מיידל, כּלה, קום אַרונטער!
מורמלט שטיל דער שוואַרצער גאַסט.
טראָגסט מיין פֿינגערל אויפֿן פֿינגער,
און דו ביסט צו מיר פֿאַרקנסט.
כ'האָב פֿאַר דיר פֿון שוואַרצן מאַרמאָר
אין פֿעלד א שטיבל אויסגעבויט.
ווערט דאָס מיידל בלייך און בלייכער,
און דאָס רינגל פֿיבערט רויט.

– ניין, דו פֿרעמדער, שוואַרצער חתן!
ניין, איך וועל מיט דיר ניט גיין.
ס'וועט מיין מאַמעשי די אַלטע
הענגען זיך אויף איר געוויין.
שמייכלט שטיל דער גאַסט דער פֿרעמדער:
– גיב דאָס פֿינגערל צוריק!
בלישטשעט רויטער אויף דאָס רינגל –
אַט א רינגל אַן אַנטיק!

שמייכלט שטיל דער גאַסט דער פֿרעמדער:
– "גיב דאָס רינגל, גיב עס אָפּ!"
כליפּעט שטיל דאָס בלייכע מיידל:
– "ס'וויל פֿון פֿינגער ניט אַראָפּ".
זייט געזונט מיר, טאַטע, מאַמע,
ס'האָט א שוואַלב מיר הייַנט פֿאַרקנסט.
און מיין חתן איז געקומען –
יענער פֿרעמדער, שוואַרצער גאַסט.

גיט זי אים דאָס תּפֿילין־זעקל,
ליגט עס שוין אין טשעמאָדאַן.
שטייט א וואָגן שוין א גרייטער,
און מען פֿאָרט אַוועק צום באַן.
מאָרגן וועט די מאַמע וויינען –
מאַלע, וואָס א מאַמע וויינט.
ס'האָט דער פֿרעמדער גאַסט דער שוואַרצער
אַסור ניט קיין שלעכטס געמיינט.

# THE BALLAD OF THE RED RING

On the veranda, a girl with flushed cheeks embroiders a wedding gift. Soon her bridegroom will arrive from the far-off land of Poland. A wounded swallow flies toward her from the depths of the corn-field, one of its wings bloodied by a sharp thorn. It alights for an instant on the girl's finger, bringing her a red ring of blood, and departs into the night.

Hours pass, her mother calls her to sleep, but the girl sits on the veranda, embroidering the wedding gift, waiting.

Hours pass, the girl waits -- until a dark stranger comes riding, carrying a black satchel. "Come down, my bride", he calls softly, "I've prepared a black marble home for you in the corn-fields". "No! I won't go with you" -- but the ring glows deep red. Softly the girl sobs: "It won't come off my finger. Farewell, father and mother; today I was betrothed by a swallow". And she gives the wedding gift to the stranger.

A carriage stands ready; the wedding gift lies in the satchel; the pale girl and the dark stranger ride off together to the train.

Tomorrow her mother will weep -- well, after all, a mother's tears......

Surely, the dark stranger meant no harm.

פון: לאַמטערן אין ווינט (1933)

## אַלטמאָדישע באלאדע

דאס לידל איז אלט. נאָר ס'שאַט נישט,
אז מען זינגט עס פון צײַט צו צײַט,
דערעיקרשט ווינטער ביים אויוון,
ווען ס'וואָרעמען זיך אָרעמע לײַט
און ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם
קילן טײַך.

געהאט האט א קלעזמער צוויי קינדער,
צוויי טעכטער, שיינע ווי גאלד.
איין צרה, וואס ס'האבן די טעכטער
דאס טעלערל פון הימל געוואלט.
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

די ערשטע א שטייבער – וואס וויל זי?
א גראף מיט א זילבערנעם שלאס.
אז א יידישע מויד ווערט משוגע,
איז עפעס א קלייניקייט, וואס?
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

די צווייטע א שטייבער – וואס וויל זי?
דעם קיניג פון בעמישן לאנד.
נו פרעג איך אייך, איז דאס א קלעזמער,
אן ארעמער קלעזמער אימשטאנד?
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

פליט א וואך, פליט א יאר, פליִען יארן.
דער קלעזמער ווערט אלט און ווערט גרא,
און אט-אט פילט ער געגענען
די לעצטע און טונקעלע שעה,
און ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם
קילן טייך.

אויפן גאניק נאר זיצן די טעכטער,
די אויגן געווענדט צו דעם שליאך,
ביז ס'פאלן די גאלדענע שטערן
אראפ פונעם הילצערנעם דאך.
און ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם
קילן טייך.

"וואס זעסטו דארט, מינדל?" – "א וואָלקן".
"ניין, ניין, ס'איז א טשערעדע שאף".
"א טעות, איך זע דארט צוויי רייטערס.
שלאף, אלטינקער קלעזמערל, שלאף".
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן טייך.

"צוויי רייטערס? באמת... איך זע זיי.
זיי קומען אלץ נענטער אהער.
איינער ווינקט מיטן טיכל... דער
צווייטער...
ווער, [illegible]גסטו, ווער זענען זיי, ווער?"
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן
טייך.

"זע, מלכה, איך זע שוין זיין פנים.
ס'איז דער גראף פונעם זילבערנעם שלאס.
ער טראגט א מונדיר פון א יעגער,
א גרינעם אזא, ווי דאס גראז".
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן
טייך.

"זע, מינדל, איך זע שוין זיין פנים,
ס'איז דער קיניג פון בעמישן לאנד.
דער זיגל-רינג פון דער מלוכה
פינקלט ביי אים אויף דער האנט".
ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן
טייך.

"א נעץ פון גילגאלדענע פעדעם
ציט זיך פון זיי ביז אהער.
זע, מינדל, איך זע שוין נישט גארנישט,
א חוץ מיין אייגענע טרער
און ווי ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם
קילן טייך".

"א בריק פון די טייערסטע שטיינער
ציט זיך פון זיי ביז אהער,
זע, מלכה, איך זע שוין נישט גארנישט,
א חוץ מיין אייגענע טרער
און ווי ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם
קילן טייך".

ביינאכט. אויף דעם הילצערנעם גאניק
צוויי ווייסע געבויגענע קעפ
וויגן זיך מידע אין שאטן.
א ציגיינערל שפילט אויף די טרעפ:
"ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן
טייך".

דאס לידל איז אלט. נאר ס'שאט נישט
אז מען זינגט עס פון צייט צו צייט,
דערעיקרשט ווינטער ביים אויוון,
ווען ס'וואָרעמען זיך ארעמע לייט
און ס'ציטערן די ווערבעס ביי דעם קילן
טייך.

## OLD FASHIONED BALLAD

A musician had two daughters, both lovely as the sun;
the only trouble was, they craved the impossible.
The older one, for example, wanted nothing less than
a lord with a silver castle, while the younger yearned
for the king of the land of Bohemia. (How could a
poor musician afford that? It's no joke, let me tell
you, when a Jewish girl goes crazy).
Well, the years flew by, the musician grew old and
died, but his two daughters kept yearning, dreaming,
craving the impossible. Day after day they sat on
their veranda, their eyes fixed upon the winding road.
"What do you see there, Mindl"? "A cloud". "No, no,
a flock of sheep". "Wrong -- I see two riders approa-
ching". "Two riders? Why of course! I see them.
They're coming closer. One's waving his kerchief.
Who do you suppose they are"? "I can see his face,
Malka. It's the lord of the silver castle, dressed
like a hunter, in an outfit green as grass". "I see
him now -- the king of the land of Bohemia. His golden
seal-ring sparkles on his hand...... A net of fine
gold thread stretches from them to us. Look, Mindl.."
"A bridge of precious gems stretches from them to us.
Look, Malka, I can see nothing except my own tears".
So they sat, bent with age, rocking in the shadows on
their veranda, while a gypsy strummed his fiddle nearby
and the willows quivered by the cool river.

# די באלאדע פון דעם הויקער

אויפן מאַרקפּלאַץ שטייט א הויקער
און  ער שטאַמלט צו די דעכער:
"ויהי ערב, ויהי בוקר".

אויפן דאך פון טורעם זיצט א סילועט
מיט א צווייטן שאָטן טעט–אַ–טעט.

"מאדאם, די נאכט איז טיף און קאלט
און ס'שמעקט פון איר מיט תליה און מיט וואלד".

א רגע ציטערט, רוישט די קרינאָלינע
און די מאַרקיזע כליפּעט אין סורדינע:

"מארקיז, טיר און טויער זענען צוגעמאכט –
וווּ וועלן מיר איבערשלאפן די נאכט?

דער זייגער קלינגט דאס דריטע מאל: "שוין שפּעט"
און קיינער האט פאר אונדז געגרייט דאס בעט.

אפילו די שוועסטער האט ערב נאכט
די טירן און די פענצטער צוגעמאכט".

שמייכלט דער מארקיז: "דער מענטש, דער נאר,
גייט אויס נאך אונדז פאר בענקשאפט און פאר צער.

און אז מיר קומען, ציטערט ער פאר שרעק
און טרייבט אונדז מיט א שפּרוך פון זיך אוועק".

ציטערט די מארקיזע ווי א קינד
און אפשר, ווער ווייסט, ווי א בלאט אין ווינט.

און איבער די דעכער פלאטערט איר ליד,
ווי א זילבערנער פויגל, פארמאטערט און מיד:

"ווער וועט דער ערשטער מיר געבן די האנט,
דער בלייכער מארקיזע פון דעמערלאנד?"

שמייכלט דער מארקיז און לאזט איר געוויין
איבער זיך ווי א גאלדענעם רעגן גיין.

\- - - - - - - - - - - -

אויפן מארקפּלאץ שטייט א הויקער
און ער שמייכלט צו די דעכער:
"ויהי ערב, ויהי בוקר".

## THE HUNCHBACK'S BALLAD

A hunchback stands in the market-place, chanting to the rooftops: "And it was morning and it was evening..." Two silhouettes sit atop the tower, speaking tête-à-tête. "Madam", says one shadow, "the night is dark and cold. There's a scent of gallows in the wind". The shadow of the Marquise trembles, her crinoline robe rustles. "Marquis, all the gates are locked, all windows and doors shut fast against the night. The clock has struck three. Where will we sleep tonight?" The Marquis smiles. "Man, the fool, yearns for us, suffers and dies for love of us, and when we come he cowers in fear, and drives us away with incantations".
The Marquise trembles like a child (or is it like a leaf in the wind?), and her song, a tired silver bird, flitters over the rooftops. "Who will be the first to offer his hand to me, the pale Marquise from the land of twilight?"
The Marquis smiles as her lament passes over him like a golden shower. And in the market-place the hunchback smiles, chanting to the rooftops: "And it was morning, and it was evening......"

# שפּיטאָל-באלאדע

אויפן בארג טונקלט דאס שפּיטאל,
זיבן בעריאָזקעס לויכטן אין טאל.

שטילער, מטורף! דו הערסט, מען גייט,
טריט באַרגאַראָפּ - אש פון פרייד.

צוויי קראנקן-שוועסטער פון שפּיטאל
פלאטערן ווי פייגל אראפּ אין טאל.

בלייבט די ערשטע א רגע שטיין:
"ס'ארא וווּנדער ס'איז צו זיין אליין".

שטאמלט די צווייטע, ווי נישט הי:
- איך בין א זילבערנע מעלאדי,

פון אן אלטן ציגיינער אויסגעטראכט
צום בלעטער-פאלן פון א סעפּטעמבער-נאכט.

שטאמלט די ערשטע שוועסטער: "איך בין
אמאל געווען א בלויע שפּין.

איצט בין איך די קיניגן פון סאַנסיבאַר
און קאטעווע ביז בלוט מיין אלטן נאר,

וואס האט מיט א פולן מויל מיט פרייד
א פלעק געמאכט אויף מיין זיידן קלייד".

אויפן בארג פארלעשט זיך דאס שפּיטאל,
זיבן בעריאזקעס לויכטן אין טאל.

שטילער, מטורף! דו הערסט, מען גייט,
טריט בארגאראפּ - אש פון פרייד.

א נאקעטער מענטש אין צעפּארענע שיך
לויפט און שטאמלט אריין אין זיך:

- איך בין א פארלוירענע ליקוי-חמה
און האב נישט קיין טאטע-מאמע.

ווו איך זאל נישט גיין, ווו איך זאל
נישט שטיין,
בין איך ווי דער רעגן אליין.

# HOSPITAL: A BALLAD

The hospital darkens on the mountain top, and seven birch trees light up in the valley.

*Quiet, madman! Can't you hear the footsteps? Someone's coming downhill.*

Two nurses from the hospital flutter like birds down into the valley. The first nurse pauses a moment: 'How wonderful to be alone!' The other says, 'I am a melody improvised one September night by a gypsy fiddler, to the sound of falling leaves.' And the first nurse: 'I used to be a blue spider; now I'm the Queen of Zanzibar, and I flog my fool till his blood runs — he stained my silk gown, the fool, in a fit of laughter!'

*Listen, madman: footsteps again.*

A naked man runs downhill, muttering to himself: 'I'm a lost eclipse, without father or mother. Wherever I go, wherever I rest, I am solitary as the rain.'

The first nurse murmurs, 'Eclipse, come and hold me close in your arms. I am the melody at your infant cradle; I'm the smile of the enchanted child, the smallest sister of the September wind.'

'Wherever I go,' wails the naked man, 'I am solitary as the rain.'

The seven birch trees darken in the valley and the hospital lights up on the mountain top.

זאָגט די ערשטע שוועסטער: - ליקוי-חמה,
קום
און נעם מיך מיט ביידע הענט ארום.

איך בין דער ניגון ביי דער קינדערוויג,
וואס האט דיך געוויגט אהין און צוריק.

זאגט די צווייטע שוועסטער: - ליקוי-
חמה, קום,
און נעם מיך מיט.ביידע הענט ארום.

איך בין דער שמייכל פון פארכישופטן קינד
און דאס קלענסטע שוועסטערל פון סעפּ-
טעמבער-ווינט.

וויינט דער נאקעטער: "ווו איך זאל נישט
גיין,
בין איך ווי דער רעגן אליין".

אויפן בארג לייכט-אויף דאס שפּיטאל
און די זיבן בעריאזקעס פארלעשן זיך אין
טאל.

# די באלאדע פון דעם פאָדעלאָיער רבֿ

דער אלטער רב פון פאדעלאי
האט פארקנייטשט דעם שטערן און געזאגט
אזוי:
"פון אלע וועגן גענענט די נאכט.
מיט וואס האסטו, ייד, דעם טאג
פארבראכט?"

מיט שטילע הענט צינדט ער אן א ליכט,
ווערט שארף באלויכטן זיין מיד געזיכט,
און ביי יעדן ריר פון זיינע הענט
ציטערן די שאטנס אויף די ווענט:
"געדאוונט, געדאגהט און געקלאגט
אויף גלות השכינה און תהלים געזאגט".
און וויי! זיין הארץ ווערט שווער און
פארקלעמט:
מיט צער דעם הייליקן מיטוואך פארשעמט.

ער טוט זיך די זיידענע זשופעצע אן,
און דעם שבתדיקן שטריימל טוט ער אן,
און לאזט זיך גיין מיט פאמעלעכע טריט.
ער זעט: דער הימל מיט שטערן באשיט
ווי מיט זילבערנעם מאן. "א נס...
א נס...
א לויב צו זיין נאמען! נאך נישט
פארשעמט
מיט מיין טרויער דעם גאנצן מעת-לעת".

ער זעט: א לאמטערן ציטערט אין ווינט
און שפילט זיך מיט זיך, ווי ס'שפילן
זיך הינט
מיט די אייגענע שאטנס ערב נאכט.
ער זעט, ווי א פורמאן פאיעט זיין פערד
ביים טרונקעלן ברונעם. ער זעט און הערט
דאס אוונט-ליד פון דער שוואלב, וואס
איז וואך
און פלאטערט א בלאע פון דאך צו דאך.

דער אלטער רב פון פאדעלאי
היאט פארקנייטשט דעם שטערן און געזאגט
אזוי:
"אז וויל איז צו מיר, וואס איך גיי
און טרעט
איבער דער ערד, ווי איך א געבעט".

ער גייט און זיין בארד פלאטערט אין
ווינט,
אט זיצט אויף א שוועל א פארגעסן קינד-
שטוינט ער און שטוינט... ביז ס'ווערן
בלינד
די אויגן זיינע, איז וואס איז דער
מער?
אז ס'ווערט דאס הארץ אויף א רגע נישט
שווער.

טאפט ער מיטן שטעקן ווייטער דעם וועג,
ווייל הייליק זענען אלע נעכט און טעג.

אט פילט ער דאס פעלד. אט הערט ער דעם
טייך.
די פיס זיינע טאנצן דעם בורא א שבח
ארום די ביימער, וואס שטייען ביים ברעג
און היטן און באהיטן די שיינקייט פון
וועג.

שטארקער און שטארקער, ביז ס'פילט דער
ייד
די כוחות פארגייען. פארמאטערט און מיד
פאלט ער אוועק, אזוי ווי ס'וואלט
די קאסע צעשניטן א זאנג פון גאלד.
גענענט די מיטן-נאכט שטיל און פארקלערט
און בויגט צו דעם קאפ צו דעם ייד אויף

דער ערד:

"וואס שטאמלסטו, ייד?

"דו הערסט נישט - איך זינג"

"דיין פנים איז בלייך!" -

"אבער ס'הארץ איז מיר גרינג"

"ס'פיבערט דיין גוף" - "ווויל איז מיר:
ס'האט
מיין שטערן באריירט דער אטעם פון גאט"
"זאג ווידוי!" - "איך קען נישט זאגן,
ניין!
ווייל ווידוי איז צער און צער איז
געוויין,
און געוויין פאלט אויף דער ערד ווי א
פלעק,
וואס גנבעט דעם חן פונעם וואונדער אוועק".

דער אלטער רב פון פאדעלאי
האט אפגעענטפערט דער נאכט אזוי
און איז אויסגעגאנגען. די לבנה איז רויט
אדורכגעגאנגען און געשמייכלט שטיל:
"אויף אלע מיינע ליבע אזא מין טויט".

# THE BALLAD OF THE RABBI OF PODELOY

The Rabbi of Podeloy disgraced the holy mid-week by grieving. All day long he prayed and worried, worried and prayed, mourning the exile of the Divine Presence.
At night, he put on his Sabbath fur-hat and set forth with slow steps into the village. He saw -- the sky sprinkled with stars like silver poppy-seeds; dogs playing with their shadows under a swinging lantern; a coachman watering his horse at the old well.
"A miracle, a miracle", murmured the Rabbi. "Blessed am I that I walk upon God's earth".
Further on, he saw an abandoned child sleeping in a doorway. He stared in amazement, until his eyes went blind. "What's happening to me?"
When he felt his heart lighten again he walked on, tapping his way toward the fields. He heard the river, the rustle of the trees at the roadside, and as he went his feet danced praise to the Creator. Faster and faster they danced; then, suddenly overcome with weariness, the Rabbi fell to the ground. Midnight drew close to him: "Your face is pale and feverish, old Jew. Speak your final confession!" "But can't you hear, I'm singing, and my heart is light. No! I won't confess. Confession is sorrow, and weeping stains the earth. It desecrates the wonder of creation".
Thus spoke the Rabbi of Podeloy, and died.
The red moon paused, smiling, overhead: "May all my loved ones be granted such a death".

# די באלאדע פון דער ווערבע

קניט דאס מיידל פארן צלם און וויינט:
"ליבער פאן יעזוס מיין!
באשער פאר אונדזער ארעמער שטוב
ברויט און ליכט און וויין –
פאר אונדזער ארעמער, גראער שטוב ברויט
און ליכט און וויין".

זאגט פאן יעזוס: ס'זאל געשען,
וואס דאס מויל באגערט;
וואס דיין ליפ האט נאר דערמאנט,
זאל זיין פאר דיר באשערט –
וואס דיין ליפ האט נאר דערמאנט, זאל
זיין פאר דיר באשערט".

"איז האסטו, פאן יעזוס, מיר באשערט
ברויט און ליכט און וויין,
טא לאז דאס גאלדענע פייגעלע גליק
אויף תמיד ביי מיר זיין –
לאז מיין געליבטן פון דער פרעמד אויף
תמיד ביי מיר זיין".

זיפצט פאן יעזוס דריי מאל אפ:
"דו ארעם, ארעם קינד!
דיין געליבטער האט זיין לעבן פארשפילט
אויף נאכט און ים און ווינט".
זיפצט פאן יעזוס דריי מאל אפ: "דו
ארעם, ארעם קינד!"

"און האט מיין געליבטער זיין לעבן
פארשפילט
אויף נאכט און ים און ווינט –
טא ברענג אויף א רגע אים אהער
אויף די פליגלען פון דעם ווינט.
פארנעם מיין טרער און ברענג אים אהער
אויף די פליגלען פונעם ווינט".

און זע, פון דער טיפער נאכט ארויס,
פון א ווייטן פרעמדן לאנד,
גענענט איר געליבטער זיך צו איר,
געהילט אין א ווייסן געוואנט –
נענטער און נענטער, ווי א גרוס פון
א ווייטן לאנד.

זאגט איר געליבטער "איך האב געבענקט
יאר־אויס יאר־איין, מיין קינד" –
און קושט איר דריי מאל די אויגן אויס,
ווערן אירע אויגן בלינד.
און קושט איר דריי מאל די אויגן אויס,
ווערן אירע אויגן בלינד.

# THE BALLAD OF THE WILLOW TREE

The girl kneels before the cross, weeping: "Dear Lord Jesus! Grant our poor home bread and light and wine -- bread, light and wine, sweet Jesus, for our poor grey home!"

"Let it be as you wish", says Jesus. "What your heart desires, what your lips have uttered, let it be granted to you".

"You've granted me bread and light and wine, Lord Jesus; now let the golden bird of happiness be with me always, let my lover return to me forever".

"Poor child", sighs Jesus. "Your lover gambled his life away on the night and wind and sea. My poor, poor child".

"if my lover has lost his life to the night and wind and sea, then bring him here", the girl pleads, "for an instant. Accept my tears, Lord Jesus; bring him here on the wings of the wind".

And lo, from the depths of the night, from a strange faraway land, her lover draws near, shrouded in white.

"How I've longed for you, my love", he says, "day after day, year after year" -- and he kisses her three times upon the eyes, and leaves her blind. "How I've longed for you", he says, holding her tightly in his arms and he kisses her lips three times, and leaves her dumb.

"How I've yearned", he says, and kisses her heart out, her quiet, glowing maiden's heart, and hangs it on the willow tree, like a full moon.

זאגט איר געליבטער: "איך האב געבענקט
און נעמט זי פעסט ארום
און קושט זי דריי מאל אויפן מויל,
ווערן אירע ליפן שטום.
ווערט דער שמייכל אויף איר ליפ אויף
אייביק און אייביק שטום.

זאגט איר געליבטער: "איך האב געגארט" –
און קושט איר דאס הארץ ארויס,
דאס שטילע גאלדענע מיידל-הארץ
קושט ער פון איר ארויס –
און הענגט עס אויף א ווערבע אויף, ווי
א לבנה גרויס.

און ס'וויינט די ווערבע יעדע נאכט:
"ליבער פאן יעזוס מיין!
באשער פאר יעדער ארעמער שטוב
ברויט און ליכט און וויין
און לאז דאס גאלדענע פייגעלע גליק כאטש
א רגע ביי זיי זיין".

And every night the willow weeps: "Dear Jesus, grant every poor home bread and light and wine -- and a visit from the golden bird of happiness, sweet Lord, at least for an instant".

# באלאדע

סעפטעמבער. די שלאנקע דאמע אין גרין
פלאָטערט איבערן טראָטואַר פֿאַרבײַ.

זי ווייסט, אז דער קאַרשנבוים האט
פֿאַרבליט
און אמאל, אמאל איז געווען מאי.

אויף קלויסטערטרעפ ליגט דער דולער
וואַסיל,
די ווײַסע באָרד צעפּאַטלט אין ווינט.

ער אטעמט טיף. זיין נשמה שמעקט
מיט שווארצע אָזשענעס ווי טינט.

זאגט די שלאַנקע דאמע אין גרין:
"ברודערל, קום אין לאמיר גיין".

גאס-לאמטערנס ציטערן פארביי,
און יעדער לאמטערן איז אליין.

שמייכלט דער דולער: "שוועסטער, דו זעסט,
מיט אמאל איז געווארן וואלד –

און איך בין די גרויסע פינצטערניש,
וואס איז שוין מיליאנען יארן אלט".

שטאמלט די שלאנקע דאמע אין גרין:
"זע, ס'איז טאקע געווארן וואלד –

און דו ביסט די גרויסע פינצטערניש,
וואס איז שוין מיליאָנען יארן אלט.

און דו (זי כליפעט ווי א פֿלייט)
דו... דו... דו... און ווער בין איך?"

"דיך... דיך האב איך אויסגעטראכט
מיט שווארצע צעפּ און גאלדענע שיך".

"צו וואס! איך האב מורא... לאז מיך אפּ-
איך וויל צוריק אין ישוב גיין".

לאכט דער דולער: "אז אויף דער ערד
איז גאר קיינמאל קיין ישוב נישט געווען.

נאר איך און דער וואלד און די מחנה
וועלף
און אלע גייען זיי אויף מיר".

# BALLAD

September night. The slender Lady in Green glides along the sidewalk. She knows that the cherry tree no longer blooms, and that once, long ago, it was May.

On the church steps sprawls Vassil, the town fool, his dirty white beard tousled in the wind.

'Brother, let's go!'

The old town fool grins. 'I am the great darkness,' he says, 'millions of years old. I have invented you, sister, with your black braids and golden shoes.'

The lady sobs gently, like a flute. 'I want to go home, to my village, my people.'

'They never existed,' the town fool laughs. 'Only I exist, and the forest, and the wolf-packs swooping down on you.'

Terrified, the lady falls to her knees and begs forgiveness for her sins—for the faded cherry tree and the abandoned Spring winds.

On the church steps lies Vassil, the village fool; beside him weeps the lady in green; and opposite them, across the wet roof tops, crawls an ugly old spider, the dawn.

פיבערט די דאמע: "ס'זענען טאקע וועלף,
און אלע גייען זיי אויף מיר".

זי פאלט אויף די קני: "זיי מוחל, האר,
פאר אלע, אלע מיינע זינד –

פאר דער קארשנבוים, וואס האט פארבליט
און פאר דעם באליידיקטן פרילינגווינט".

– – – – – – – – – – – – – – – – – –

אויף קלויסטערטרעפ ליגט דער דולער
וואסיל
און נעבן אים וויינט די דאמע אין גרין.

אנטקעגן אויף נאסע דעכער קריכט
אן אלטע, מיאוסע שפין – דער באגין.

## נאָרועמבער-באלאדע

מיטן-נאכט.
די דאמע מיטן רויטן שירעם אין האנט
פלאטערט איבערן טונקעלן טראָטואַר
און הינטער איר אינקאָגניטאָ
דער אלטער קיניג
און זיין עקסעלענץ דער נאר.

דער קיניג פאלט
איבער א צעשויבערטן בעטלער-קינד,
וואס שלאפט אויפן הארבסטיקן אַספּאַלט
און חלומט פון א טארבע. זון און ווינט
און זעט אין זיין קיניגרייך פון ברויט,
ווי ס'רינט און רינט
א ריטשקע מילך און ווי ס'בליט
א הייסע פיראַמידע קאָרנברויט.

די דאמע לאכט.
דער נאר גיט דעם קיניג די האנט –
קאמאנדא: "איינס, צוויי, דריי,"
שניידט דורך דאס אויער פון דער מיטן-
נאכט
אויף... אויף... אויף-שטאַנד!

דער קיניג טוט אן די רויטע קרוין,
דאס רויטע מיצל – דער נאר,
און די דאמע מיטן רויטן שירעם אין דער
האנט
פלאטערט ווידער איבער טונקעלן טראָטואַר.

פאראויס –
די דאמע מיטן רויטן שירעם אין דער
האנט,
הינטער איר – דער קיניג,
הינטער ביידע – דער נאר.
דריי רויטע קרוינען אין געיעג –
ווער זאגט, ס'איז ווייניק?

גאס-לאמטערנס טרעטן אפ דעם וועג,
אן אלטע מויער מאכט א רעווערענס,
קליינע פענצטערלעך קוקן פארגאפט
– גײַסטערשפיל – גײַסטערטאנץ.

מיט אמאל – סטאפ!
דריי מעסערס בליצן שארף,
דריי מאסקעס פינקלען בייז,
ווערטער, קלינגען קאלט
און קרייצן זיך הייס.

# NOVEMBER BALLAD

Midnight. The lady with the red umbrella leads the way; behind her, incognito, the old king, and then His Excellency the fool.

The king trips over a beggar-child asleep on the sidewalk, dreaming pyramids of hot corn bread. The lady laughs; the fool's command pierces the night air: 'One, two, three — Up, up, arise!'

The king puts on his red crown, the fool his red cap, and the three continue forward: the lady with red umbrella followed by king and fool, three red crowns in chase, dancing their ghost-dance.

Suddenly, 'Halt!' Three knives flash before them. The king, pale as death, cries, 'Betrayal!' and sinking to his knees, he offers his rusty crown for his life. The lady with the red umbrella pleads: 'I have a bed, a slender body, a hot night…' The fool's cap flames red: 'I give my laughter!' he cries.

Three knives flash sharp; three angry masks confront them, mask against mask.

דער קיניג איז בלייך, ווי דער טויט
און מורמלט: "פאראט!"
מיט אמאל שרייט ער אויס:
"גענעראל! סאלדאט!"

דריי מעסערס בליצן שארף –
ער פאלט אנידער אויף די קני:
"וואס קען איך אייך געבן

מער ווי מיין רויטע פארזשאווערטע קרוין
פאר מיין פארזשאווערט לעבן?"

די דאמע מיטן רויטן שירעם אין דער האנט
פאלט אויף די קני
און שטאמלט: "איך בין פון הי, פון נישט
ה[illegible]

איך האב א בעט, א שלאנקן גוף און א
הייסע נאכט[illegible]

און גארנישט מער.
בעמאכט!"

דער נאר שטייט ברייט,
דאס מיצל פלאמט רויט –
מעסער... מאסקע... פאראט...
קיניג קורווע... טויט...
מיט אמאל שרייט ער אויס:
"איך גיב מיין געלעכטער!"

דריי מעסערס בליצן שארף,
דריי מאסקעס קוקן בייז,
מאסקע קעגן מאסקע –
גאט געררעכטער!

## די באלאדע פון די בלאָע קריגלעך

מיט בלאָע קריגלעך אין די מידע הענט
שוועבן ווייסע מאמעס צו צום ברונעם:
אפשר וועלן זיי דאס גאלדענע מזל
אין זיין טונקעלער טיף געפינען –
נאר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע
הענט.

קומט א ווײַסער פויגל צו פֿליִען
און מאכט א ראד ארום די ווייסע קעפ:
"דאס גאלדענע מזל שלאָפט אין מירמלשלאָס
אויף ניין-מאָל-ניין באַגילדטע מירמל-
טרעפ" –
נאר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע
הענט.

קומט א גראָער פויגל צו פֿליִען:
"דאס מזל וויינט אין א גראָער כאַטע,
א בייזע שטיפֿמאַמע פּײַניקט עס
און אין קארטן פאַרהוליעט עס דער טאטע" –
נאר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע
הענט.

קומט א שווארצער פויגל צו פליען
און בלייבט אויפן ראנד פון ברונעם
שטיין:
"דאס גאלדענע מזל שלאפט אין טיפן פעלד
אליין אונטער א גראען מצבֿה-שטיין" –
נאר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע
הענט.

זאגט די ערשטע פון די מאמעס שטיל:
"דאס גאלדענע מזלווארט און איז שוין
נאענט.
לאמיר-זשע גיין און נעמען עס אהיים
אין זכות פונעם רויטן אלול-אָוונט" –
נאר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע
הענט.

זאגט די צווייטע פון די מאמעס שטיל:
"אפשר אין זכות פונעם ערשטן שטערן,
וואס אונדזערע אויגן האבן נאך דערלעבט"
און דאס שטערן-טיכל פארשאטנט אירע
טרערן –
נאר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע
הענט.

## THE BALLAD OF THE BLUE JUGS

CARRYING blue jugs, three white-haired mothers glide toward the well: maybe they'll find their good fortune there, in its deep waters. The jugs tremble in their weary hands.

A white bird circles overhead: 'Your good fortune sleeps in the marble tower, above gilded marble stairs.'

A grey bird flies by: 'A wicked stepmother torments your good fortune; it weeps in a grey hut.'

A black bird perches at the edge of the well: 'Your good fortune sleeps under a tombstone, in some far-away field.'

Softly the first mother says, 'Our good fortune must be near at hand. Let's go and bring it home, this red autumn evening.' The second murmurs, 'We may find it by the light of the first star of evening...,' and her kerchief shadows her tears. 'Or by the light of our grandchildren's golden hair,' says the third mother softly. But the jugs tremble in their weary hands.

## דעם אנדענק
## פון מיין מאמען

זאגט די דריטע פון די מאמעס שטיל:
"אפשר אין זכות פון די גאלדענע האר
פון אונדזערע אייניקלעך וועלן מיר
דערזען
דעם גאלדענעם חלום אויף דער וואר" –
נאר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע
הענט.

מיט בלאע קריגלעך אין די מידע הענט
גייען ווייסע מאמעס בלייך דערשראקן,
און זייער גיין דורכן טונקעלן דארף
איז ווי א גיין אין תשעה-באָבֿ אין זאָקן –
און ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע
הענט.

און הינטער זיי צערינט דאס דארף, דער
טייך.
זיי ווייסן נאר איינס: אוועק, אוועק
פון דאנען.
פרעגט זיי בחרם, צי ווייסן זיי נאך איצט
וווּ זייערע וויגן זענען אמאל געשטאנען"–
ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.
און הינטער זיי צערינט די בריק, די מיל.
זיי ווייסן נאר איינס: אוועק, אוועק
פון דאנען.
פרעגט זיי בחרם, צי ווייסן זיי נאך איצט
וווּ זייער ליבע האט געבליט און ס'איז
דער קארשנבוים געשטאנען –
ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

ווייטער און ווייטער. אט בלייבן זיי
שוין שטיין
ביים ערשטן קבר און זייערע אויגן גלאנצן,
ביז ס'קראקעט א סאווע פונעם טונקעלן
צווייג
און הייסט דאס ערשטע מצווה-טענצל טאנצן–
ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

טאנצן די מאמעס שטילינקע און בלייך,
ווי בת-מלכהס וואס האבן ערשט געפונען
צוריק דעם וועג צו זייער פאטערס שלאס,
וווּ ס'פינקלט זייערן קרוין ווי זיבן זונען–
נאר ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע
הענט.

The white-haired mothers glide pale and frightened, as though in mourning; village and river, bridge and mill fade behind them in the distance, the houses where their cradles stood, the orchard where their love once bloomed under the cherry tree. They only know one thing: *far, far from here.*
And now they arrive at the grave-side, their eyes shining. Somewhere in the dark woods an owl hoots the command for the first dance to begin; and they dance silent and pale, like princesses who have at last found the way back to their father's castle. Faster and faster they whirl, until Midnight whispers, 'It's time to sleep.' With velvet fingers she closes each mother's eyes.

The moon wanes, the morning star lights up another blue dawn, and the white-haired mothers vanish like smoke with the night. The jugs weep for their weary hands.

שטארקער און שטארקער. ביז די מיטן-נאכט
רוימט-איין א סוד: "צייט זיך שלאפן
לייגן".
און מיט שטילע מידע סאמעטענע פינגער
מאכט זי יעדער מאמע צו די אויגן –
און ס'פאלן די קריגלעך פון די מידע
הענט.

די לבנה גייט אויף... פארגייט... דער
מארגן-שטערן
צייטיקט א ניי און בלוי באגינען.
און די ווייסע מאמעס, וואס שלאפן מיד,
ווערן ווי רויך מיט דער נאכט צערינען –
און ס'וויינען די קריגלעך נאך די מידע
הענט.

און איך, וואס האב דאס דאזיקע ליד
געמאכט,
ווייס נישט אליין, וואס כ'האב געזונגען.
דאס שטילע גיין פון מאמעס דורכן דארף
האט ווי א זילבערנער טרויער אין מיר
אפגעקלונגען
און דאס געוויין פון די קריגלעך אויף
דער ערד.

# די באלאדע פון דעם שנירל שטערן

אין אנדענק
פון אנא מאַרגאָלין

רבותי, איך וויל אייך זינגען א ליד,
דאס ליד פונעם טרויעריקן גליק,
וואס פֿלאַטערט ווי א פויגל פארביי
און קערט זיך נישט אום צוריק.

אין יאַס, דער שטילער און שיינער שטאָט,
מיט אלטע שולן באַהנט
(אזוי שטייט געשריבן, איך האב עס אמאל
מיט די אייגענע אויגן געלייענט),

האט געלעבט אן אלטער און פרומער ייִד
מיטן נאמען רב מיכעלע בלאַט,
און ס'האט דער אלטער און פרומער ייִד
איין-און-איינציקע טאכטער געהאט,

א יאר גייט פארבײַ, דאס צווייטע קומט,
קומט און גייט און פארשווינדט –
און ס'איז די טאכטער געוואקסן שנעל
און שלאנק, ווי א סאסנע אין ווינט.

און ס'האט געשמייכלט דער אלטער ייִד,
ווען ס'האט געקלאפט אין דער טיר
דער פרילינג מיט א בינטל בעז,
וואס ער האט געבראכט פאר איר.

און ס'האט געשמייכלט דער אלטער ייִד,
ווען שפעט אין א בלאער נאכט
האט רויטע קאלינעס צו איר בעט
דער קיניג זומער געבראכט.

נאר אז דער הארבסט האט אנגעקלאפט,
האט אויפגעציטערט דער ייִד,
ווען ס'האבן געקלונגען די רעגן-טריט:
די יוגנט פארגייט און פארפליט.

א יאר גייט פארביי, דאס צווייטע קומט,
קומט און גייט און פארשווינדט –
און ס'איז די טאכטער געוואקסן שנעל
און שלאנק ווי א סאסנע אין ווינט.

נאר איינמאל אין א ווייסער נאכט
האט אין איר חלום געגעבן א שטאפעט
און א זיידן העמד אוועקגעלייגט
אויף איר איינזאמען בעט.

און אז דער ייִד האט זיך אויפגעכאפט
צו שחרית אין דער פרי,
איז א שנירל שטערן געהאנגען אין שויב,
ווי א זילבערנע מעלאָדי.

און פארן שפיגל איז געשטאנען שלאנק
די טאכטער אין זיידענעם העמד,
די אויגן אפן, די הענט אויפן הארץ,
ווייט און טרויעריק און פרעמד.

דער טאג איז אוועק. די צווייטע נאכט
האט ווידער געגעבן דער שטאַפּעט
און א גאלדענע קרוין אוועקגעלייגט
אויף איר איינזאמען בעט.

און אז דער ייִד האט זיך אויפגעכאפט
צו שחרית אינדערפרי,
איז א שנירל שטערן געהאנגען אין שויב,
ווי א זילבערנע מעלאדי.

און פארן שפיגל איז געשטאנען שלאנק
די טאכטער אין זיידענעם העמד,
די גאלדענע קרוין אויפן שווארצן קאפ,
ווייט און טרויעריק און פרעמד.

און תיכף האט פארשטאנען דער ייִד,
אז דער חלום האט אפגעשיידט
דאס איינציקע וווּנדער פון זיין לייב, –
האט ער צעריסן זיין קלייד

און אש אויפן ווייסן קאפ געשיט
און קדיש פרום געזאגט.
זענען בלייכער געווארן די שטערן אין שויב,
וואס מער דער טאג האט געטאגט.

און בארוועס איבערן ווייסן שניי
מיט דער קרוין און דעם זיידענעם העמד
איז די טאכטער אוועק מיט שטילע טריט
שטיל און טרויעריק און פרעמד.

Reb Michelleh Blatt had an only daughter. She grew lovely and slender, like a pine tree in the wind, and the pious old man smiled when Springtime brought her a bunch of lilacs, smiled again when Summer laid red berries on her bed.

But his smile faded when he heard Autumn knocking on the door.

Then one winter's night a stranger visited the girl in a dream and left her a silken gown. When the old Jew awoke he saw a necklace of stars in the window and his daughter standing before the mirror in a silken gown, with a strange, faraway look in her eyes.

The next night there came another stranger; he left a golden crown on her bed. When Reb Michelleh awoke the next morning he saw the star necklace in the window and his daughter standing in her silken gown before the mirror, wearing the crown of gold.

Then the pious old man understood, and he tore his clothes and put ashes on his head, and he intoned the prayer for the dead. And his daughter, dressed in silken gown and crown of gold, went away barefoot, walking slowly and softly across the snow.

# באלאדע אין צע-דור

## BALLAD IN C-MAJOR

Late at night, far from town, the old Jew meets a peasant.

'Where to, old man? This is my territory and my hour. If you're one of them respectable godly folks, then watch out, Mr. Yid—dog's blood!'

'Where to?' says the Jew. 'Just walking. What else is there to do, when the moon's red and blossoms fall?'

The peasant grins. 'Hey there, Mr. Yid! Nobody needs *you* with your weak legs and white beard. Go on, get home!'

'Just walking,' says the Jew. 'Who knows, maybe I'll see God for a second somewhere along the road. Maybe. Who knows?'

The peasant throws his head back and whistles into the night. And in the moonlight clouds sail by, like silver ships, and in every ship a naked woman waves, wistfully, as a queen waves when she sails away forever from her native land.

'Debauchery,' the Jew mutters. 'Debauchery and weeping have tricked these old eyes. But here I stand, my God, and stretch my hands to Thee.'

The peasant throws his head back and whistles again, so loud and shrill that the fir tree shakes. Again the clouds sail by like silver ships, and in every ship a child sits, clutching a piece of bread, while cries of 'Robbery! Crime!' ring through the night air.

– וואהין אזוי שפעט ביינאכט, רב יידל?
דער וועג איז טונקל און דאס דארף איז ווייט.
די שעה איז מיינע און פאר אלע די,
וואס זענען נישט צו גאט און נישט צו לייט.
פשיאַ קרעוו, רב ייד!

שטאמלט דער ייד מיט דער זילבערנער בארד:
"אט אזוי, מען גייט אין דער וועלט אריין.
וואס דען זאל מען טאן, אז דאס שטיבל ליגט
פארגאסן מיט רויטן לבֿנה-שײַן
און מיט הארבסטיקן צוויט?"

שמייכלט דער לאבוס: "העי, רב ייד!
דיין בארד איז ווייס און דיינע פיס זענען שוואך.
קער זיך אום אהיים, קיינער דארף דיך נישט,
א חוץ די שטערן, וואס סטויסטשען אויף דיין דאך.
פשיא קרעוו, רב ייד!"

שטאמלט דער ייד מיט דער זילבערנער בארד:
"אט אזוי, מען גייט, אפשר מוז מען גיין,
און אפשר א רגע פארן שלאף
וועל איך אויף די וועגן מיין גאט דערזען.
אפשר, ווער ווייסט?"

לייגט דער לאבוס צוויי פינגער אין מויל
און גיט א רויטן פייף צו דער נאכט,
אז ס'טרייסלט די סאסנע מיט איר קרוין,
און ווי זילבערנע שיפלעך שווימען זאכט
די כמאַרעס פארבײַ.

און אין יעדן זילבערנעם שיפל זיצט
א נאקעטע פרוי און ווינקט מיט דער האנט,
אזוי ווי ס'ווינקט א מלכה, וואס פארט
אויף תמיד אוועק פון איר אייגענעם לאנד
אזוי טרויעריק און מיד.

שטאמלט דער ייד: "ס'איז זנות און געוויין,
וואס האבן מיינע אלטע אויגן פארבלענדט.
נאר איך שטיי און ווארט אויף דער מיט פון וועג
און ווי צוויי תפילות שטרעק איך מיינע הענט
צו דיר, מיין גאט!"

לייגט דער לאבוס צוויי פינגער אין מויל
און גיט א צווייטן פייף צו דער נאכט,
אז ס'טרייסלט די סאסנע מיט איר קרוין,
און ווי זילבערנע שיפלעך שווימען זאכט
נייע כמארעס פארביי.

און אין יעדן זילבערנעם שיפל זיצט
א קינד מיט א שטיקל ברויט אין האנט,
און הינטער זיי לויפט א תּפֿיסה נאך:
"גנבֿה! גנבֿה! שפּאָט און שאַנד!"

שטאמלט דער ייד: "ס'איז נויט און געוויין,
וואס האבן מיינע אלטע אויגן פארבלענדט.
נאר איך שטיי און וווארט אויף דער מיט
פון וועג
און ווי צוויי תּפילות שטרעק איך מיינע
הענט
צו דיר, מיין גאט!"

לייגט דער לאבוס צוויי פינגער אין מויל
און גיט דעם לעצטן פייף צו דער נאכט,
אז ס'טרייסלט די סאָסנע מיט איר קרוין
און פיבערט און ציטערט און וויינט און
לאכט
פאַרן פחד, וואס קומט.

אויף טונקעלע פערד א מחנה רײַטט
נענטער און נענטער. צווישן די ציין
בליצן שטאלענע מעסערס שארף —
און הינטער זיי שנירלעך בלוט און געוויין
פארטרינקען דעם וועג.

שטאמלט דער ייד: "ס'איז מאָרד און געוויין,
וואס האבן מיינע אלטע אויגן פארבלענדט.
נאר איך שטיי און וווארט אויף דער מיט
פון וועג
און ווי צוויי תּפילות שטרעק איך מיינע
הענט
צו דיר, מיין גאט!"

שמייכלט דער לאבוס: "העי, רב ייד!
גיי אהיים צו דיין כאטע פון ציגל און
ליים.
אז דריי מאל האט זיך דיר גאט אנטפלעקט
און דיינע אויגן האבן אים נישט געזען —
איז פשיא קרעוו, רב ייד!"

'Poverty,' the Jew mutters. 'Poverty and weeping have tricked these old eyes. But here I stand fast, my God, stretching my hands to Thee, like two psalms.'

Again the peasant whistles into the night, so loud and shrill that the fir tree trembles. On black horses, a horde of night-riders gallop by; steel knives flash between their teeth.

'Murder,' the Jew mutters. 'Murder and weeping have tricked these old eyes. But here I stand fast, and stretch my hands to Thee — like two psalms, my God, to Thee.'

The peasant grins. 'Hey there, old man! Get on home, back to your hovel. If your God revealed himself to you three times and still you can't see Him — why, then, dog's blood, Mr. Yid!

The old Jew stumbles away. 'If God revealed himself to me three times,' he thinks, 'in the whore, the child, and the murderer, then it must be the end of the world.'

Tomorrow night he'll hang himself, his face toward the wind, while the stars twinkle on the roof of his clay hovel. Dog's blood, Mr. Yid.

בייט דער ייד מיט פֿארלאָשענע טריט
און ס'פלאטערט זיין ווייסע בארד אין
ווינט:
"אז דריי מאל האט זיך גאט אנטפלעקט —

אין דער זונה, דעם מערדער און דעם
קינד, —
איז עקט זיך די וועלט".

איצט זיצט ער ביים לעמפל און מיט געלע
הענט
פלעכט ער א שטריק. מארגן ביינאכט
וועט ער הענגען מיט דעם פנים צו דעם
ווינט —
בעת די שטערן וועלן סוויסטשען אויף
זיין דאך.
פשיא קרעוו, רב ייד!

## די באלאדע פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער מיט דער לבֿנה

דער וועג איז טונקל און דער ווינט
האט דעם לאמטערן אויסגעלאשן.
אויפן שיידוועג שטייט די נאכט
און בעטלט בלינדערהייט א גראשן

פאר ארעמע און קראנקע לייט,
פאר קינדער אין די נאכט־אזילן,
פאר די, וואס בלאנקען זיך ארום
אויף וועגן קעגן זייער ווילן.

"וואס זוכסטו, הערשל? זאג מיר, הא?"
"א טאָלער" – "ביזט אראפ פון זינען?
אז סאמע לעכער איז דיין ראק,
ווו וועסטו, נאר, אזוינס געפינען?"

"הערט, רבי! אין א תמוז־נאכט
בין איך צום טייך אראָפּגעגאנגען,
איז אויף א לאמער ווערבע דארט
א ווייסע טרער אראפגעהאנגען.

האב איך זיך טיפער איינגעקוקט:
א טאלער גאר, דערצו מזומן –
און דא ליגט שבת פאר דער נאז
און זי, מיין אלטע, טוט שוין ברומען.

איז לויף איך פריילעך מיר אהיים:
– העי, אלטע מיינע, קינדער, וואכט!
זעט, וואס דער טאטע האט פארדינט
און וואס ער האט אהיימגעבראכט.

א ווייסן טאלער, ווי א ראד.
העי, כאפ א טענצל, יענטע לאה!
– א ווייסע טרער גאר? הערשל, זאג!
דו ביזט פון זין, צי חסר־דעה?

און מיט א בעזים האט זי מיך
ביינאכט פון שטוב ארויסגעטריבן.
איז, זעט איר, רבי, דא ביי מיר
דער ווייסער טאלער שוין פארבליבן".

און מיט א שמייכל האלט דער לץ
דעם רבין ס'ווייסע ליכט אנטקעגן.
צעלאכט די נאכט זיך אויף א קול
און ווייסע שמייכלען אלע וועגן.

## THE BALLAD OF HERSHEL OSTROPOLIER AND THE MOON

The way is dark, the lantern's extinguished by the wind. Night stands at the cross-roads and begs a penny for the poor and sick, for homeless children, for all who wander the roads against their will.

"What are you looking for, Hershel?"

"A silver dollar".

"Have you gone mad? Where will you find such a thing, you fool, in your tattered coat?"

"Just listen a moment, Rabbi! One July night I went down to the river and noticed a silver tear there, hanging from a crooked willow. Looking closer, I saw a silver dollar, real money; and since Sabbath was around the corner, and my old woman was already grumbling, I ran back home with it. 'Hey, old woman!' I called. 'Children, wake up! Look at what your old man has earned today. A silver dollar, round as a wheel. Let's have a dance, Yente Leah!' 'What?' she said, 'a silver tear? -- tell me, Hershel, are you crazy, or plain out of your mind?' And she threw me out into the cold. So you see, Rabbi, I still have the silver dollar with me".

And with a grin Hershel shows the Rabbi the silver light. The Night laughs aloud at the clown, and all the roads smile cheerful and white.

## באלאדא עראָטיקאַ

דער בלאער סאלדאט און דער שווארצער מאנאך
ווארגן די נאכט אויפן איינזאמען שליאך.

דער בלאער סאלדאט שטאמלט שווער און בייז
און ס׳שמעקט פון זיין קערפער מיט טרויער און שווייס:

"ביסט געקומען א שטילע, א בלייכע צו מיר
און געבראכט בלויז דעם אָפשײַן פון ליבע צו מיר.

דעם פלאטער פון א מיידלשן העמד
איבער א דערפל, ווייט, טרויעריק און פרעמד".

דער שווארצער מאנאך שטאמלט שווער און בייז
און ס׳שמעקט פון קערפער מיט טרויער און שווייס:

"ביסט געקומען א הייסע, א ווילדע צו גיין
און פארטריבן ווי רויך מײַן תּפֿילה־געוויין.

האסט באלעבט דאס בילד אין מיין מאגערער האנט.
כ׳האב געפילט אירע בריסטן, געשפילט מיט איר שאנד

איצט שטיי איך אויף הפקר אין מיטן פון וועג
און צייל, ווי ווונדן די שעהן און טעג".

דער בלאער סאלדאט און דער שווארצער מאנאך
ווארגן די נאכט אויפן איינזאמען שליאך.

## BALLAD EROTICA

The blue soldier and the black monk are strangling the night on a lonesome road. Their bodies are rank with sorrow and sweat.

'You came to me quiet and pale' — the soldier's voice is thick with rage — 'and brought me a mirage of love, the wisp of girl's dress from a faraway village.'

The monk curses in anger: 'You came to me hot and wild, and dissolved my prayer beads in smoke. You breathed life into the icon I held. I felt her full breasts, played with her wantonness. And now you've left me stranded, aimless, counting my hours and days like wounds in my flesh.'

On the lonesome road the blue soldier and the black monk pant and sweat, strangling the night, and they feel blood, sorrow, and wind trickling through their fingers. Above them, red as a wheat stalk, the moon smiles deep and long.

זיי ווארגן און סאפען און פילן, ווי ס׳רינט
דורך זייערע פינגער בלוט, טרויער און ווינט;

און איבער זיי הענגט א רויטע זאנג
די לבנה – און שמייכלט טיף און לאנג.

(1937) פֿון: דעמערונג אין שפּיגל

# באלאדע פונעם קופערנעם גראָשן

ברומט דער בלינדער: "ס'איז טאקע נאכט,
איך פיל די שאטנס הינטער מיינע טריט"-

און פון זיין גראער קאטערינקע פליט
א קראנקע שוואלב ארויס – דאס ליד,

וואס האט געזשומעט פון הויף צו הויף
א גאנצן טאג. איצט פליט עס ארויף

אויפן בלינדן אקסל פונעם בלינדן ייד
און ציטערט מיט די פליגל שטיל און מיד.

פלאטערט די שוואלב: "באלעבאס, איך מיין,
אז ס'איז שוין צייט אהיים צו גיין".

ברומט דער בלינדער: "וואַרט א רגע, וואַרט,
דער היינטיקער טאג האט אפגענארט".

א קופערנער גראשן פינקלט אין זיין האנט,
א שטילער גרוס פון הונגערלאנד;

פליט דער גראשן פון זיין האנט ארויס
צו די ליכטיקע שויבן פונעם רייכן הויז.

זיצט דער גביר ביים געדעקטן טיש
און ס'שמעקט מיט געבראטנס, צימעס און פיש.

"זע,פאפא, א לבנה רויט און קליין
וויל דורך דער שויב צו אונדז אריין".

שמייכלט דער גביר: "נו שא, נו שא,
א גרויסע מויד און א נאר אזא".

"זע, פאפא, זי ווערט אלץ גרעסער, גרעסער,
די אויגן בליצן בייז און שארף – א מעסער".

קוקט דער גביר און ווערט אזש בלאס:
"ס'איז א שפיצל פון דער ארעמער גאס"!

"לאזט אראפ דעם פירהאנג"! און ער פילט ס'ברענט
דער קופערנער גראשן אויף די טונקעלע ווענט.

"פארלעשט דאס ליכט"! און ער פילט – ס'ברענט
דער קופערנער גראשן אויף זיינע הענט.

"זע, פאפא, אין גרויסן שפיגל בליצט
א צווייטער קופערנער גראשן. און איצט

א דריטער גראשן אין שפיגל דארט..."
שטייט דער גביר און רעדט נישט קיין ווארט.

ער זע ווי אין יעדן שפיגל זיצט
א קופערנער גראשן און פינקלט, בליצט.

אט שארן זיך טריט. ווער גייט? ווער גייט?
עס שארן זיך טריט שטיל, שטילערהייט.

און פון דער פינצטער שיילט זיך ארויס
א בלינדער ייד, געשפענסטיש און גרויס.

ער טאפט מיטן שטעקן פאמעלעך און קניט
פארן ערשטן שפיגל אנידער מיד

און נעמט דעם קופערנעם גראשן ארויס
און הויבט זיך אויף געשפענסטיש און גרויס.

ער טאפט מיטן שטעקן פאמעלעך און קניט
פארן צווייטן שפיגל אנידער מיד.

און נעמט דעם צווייטן גראשן ארויס
און הויבט זיך אויף געשפענסטיש און גרויס.

און אט איז דער אכטער שפיגל און ס'קניט
צום אכטן מאל אנידער דער ייד

און נעמט דעם אכטן גראשן ארויס
און הויבט זיך אויף געשפענסטיש און גרויס.

ער שארט מיטן שטעקן און אט איז די טיר,
קוקט בלייך און דערשראקן אים נאך דער גביר.

ער הערט, ווי עס שארט זיך אראפ די טרעפ
דער בלינדער ייד, אראפ די טרעפ.

אט שטייט ער אין סאמע מיטן פונעם הויף
און גלאצט מיט די בלינדע אויגן ארויף.

צום זילבערנעם טאלער, וואס פינקלט, בליצט
פון אייביק און אייביק אן ביז איצט.

שטייט די קאטערינקע אין ווינקל הויף
און ציטערט פאר קעלט – אין ווינקל הויף.

"באַלעבאָס איך טראכט, איך וויל, איך מיין,
אז ס'איז שוין צייט אהיים צו גיין".

שמייכלט דער בלינדער: "וואַרט א רגע, וואַרט,
דער חלום האט היינט נישט אָפּגענאַרט..."

און ער הויקערט זיך איַין און שפילט דאס ליד,
דאס טרויעריקע ליד פונעם בלינדן ייד.

# THE BALLAD OF THE COPPER PENNY

Night falls. A sick swallow settles on the shoulders of the blind organ-grinder and calls him home.
"Wait a moment", the blind man scowls, "wait -- the day has cheated me". A copper penny sparkles in his hand, a silent reminder of hungry years. The penny flies from his open palm up to the rich man's house, where the family is just sitting down to dinner. It gleams through the lighted windows.
"Look, papa", the daughter says, "a small red moon wants to come inside...... Look, now it's growing rounder, bigger!"
Pale with fright, the rich man draws the curtains and puts out the lights. But he feels the copper penny burning in his hand.
"Look, papa", his daughter cries, "a penny is flashing in the large mirror...... and a second penny in the mirror there...... and there......"
The rich man says not a word; copper pennies sparkle and flash like knives in every mirror in the house. He hears a quiet, steady shuffle of footsteps, and a blind Jew emerges from the shadows. Tapping slowly with his stick, the blind Jew moves ghostly and huge from mirror to mirror, gathering up all the copper pennies, one by one. Then he shuffles out the door, and taps his way down the steps and back to the middle of the courtyard. There he turns, glaring up toward the windows with his blind eyes.
"Master", pleads the sick swallow, "it's time to go home".
The blind man smiles. "Wait a moment, wait -- we weren't cheated today after all". And hunched over his barrel-organ, he plays the sorrowful song of the blind Jew.

## די באלאדע פון דעם ייד וואס איז דערגאנגען פון גרא ביז בלא

דער בראער קאיאר שטייט בארוועס אין
הויף
און קלאפט אין דעם ארעמסטן פענצטער
אן,

כאפט זיך אויף פונעם שלאף דער ארעמער
ייד
און טוט די גראע מלבושים אן.

פארלייגט די טארבע אויפן אקסל און
נעמט
דעם גראען שטעקן אין דער האנט
און לאזט זיך גיין מיט פאמעלעכע טריט
מיטן גראען שליאך זאלבאנאנד.

גייט ער און גייט און די גראקייט
ווערט
בעדיכטער און ווי בליי אזוי שווער;

ווערט טרויעריק דער ארעמער, גראער
ייד,
אין זיינע אויגן פינקלט א טרער.

א גרויסע טרער, וואס קייקלט זיך שטיל
אראפ אין זיין גראער בארד אריין -

ווערט ליכטיק די גראע בארד פונעם ייד
פון איר דינעם, זילבערנעם שיין.

נאר וואס קלעקט דאס זילבער פון א
טרער?
א רגע און צוויי און נישטא זי מער.

שטעלט דער ייד זיך אוועק ביי א בראען
בוים
און זאגט א תפילה אויפן קול:

"רבונו של עולם! מעק די גראקייט אפ
פון אלע מיינע וועגן. און זאל

מיין וואגל און וואנדער איבער דער
וועלט
זיין כאטש ליכטיק און אויפגעהעלט".

פארענדיקט די תפילה, ווערט דאס הארץ
אים גרינג,
די תפילה - א בלאער שמעטערלינג -

פלאטערט פאר אים - א פינטל בלא
אין דער לאנדשאפט פון גרא אין גרא.

גייט ווייטער דער ארעמער ייד און גייט,
זעט ער צווישן די וועגן שטייט

א גראע אכסניה און אויף דער שוועל
א בלאנדע פרוי אין א בלאען קלייד.

ווערן די אויגן פון ייד דורשטיק און
גרויס,
טרינקען זיינע אויגן די בלאקייט אויס.

זאגט די בלאנדע פרוי: "גאט העלף ר' ייד,
איר זענט אוואדע פון די וועגן מיד.

טא קומט אויף א וויילע צו אונדז אריין,
מיר האבן גענוג אי ברויט אי וויין".

ער עפנט די טיר מיט מידע הענט,
א שטוב מיט בלאע-געקאלעכטע ווענט.

אין ווינקל זיצט דער באלעבאס פון הויז
און האלט דאס מיזיניקל אויפן שויס

און דערציילט אים פון בלאען קיניגרייך
ארומגעגארטלט מיט א בלאען טייך.

הערט זיך איין דער ייד און ווערט פון
בלאקייט מיד.
און ווערט אנטדרימלט - פון בלאקייט מיד.

שפינט דער חלום א וועג - און דער וועג
איז בלא,
דער שטעקן איז בלא און די טארבע איז בלא.

און דער פויגל, וואס פליט פארביי, איז
בלא
און דאס פעלד און דער וואלד און דער
טייך זענען בלא.

גאפט דער שענקער און ס'גאפט זיין פרוי,
ווי ס'שפארט פון דעם ייד ארויס דאס בלוי

און פילט אן דאס צימער און שפארט זיך
ארויס
און הילט איין מיט בלאקייט דאס גאנצע
הויז.

ווער וויינט? דו הערסט? אין דרויסן
וויינט
דער גראער וועג, ווי ס'וויינט א קינד;

"פארוואס האט דער ייד מיך געלאזט אליין
אין דרויסן אויף הפקר מיטן ווינט?"

וועקט דער שענקער דעם ייד: "שטייט
אויף, ר' ייד,
אין דרויסן ווארט דער וועג אויף אייך"

שמייכלט אין חלום דער ייד: ער שטייט
ביים טויער פונעם בלאען קיניגרייך.

אט עפנט ער אויף דעם טויער און זעט
אין טאל די ערשטע דריי בלאע שטעט.

גאפט דער שענקער און ס'גאפט זיין פרוי
ווי ס'שפארט פון דעם ייד ארויס דאס
בלוי

און פילט אן דאס צימער און שפארט זיך
ארויס
און הילט איין מיט בלאקייט דאס גאנצע
הויז.

און די בלאקייט ווערט מורמל און שטאמל
און פלי,
פליסטער און רויש און געזאנג פון נישט
הי;

ווערט בלאס און צווייג און שטאם און
בוים
וואלקן און וואלד און טרוים איבער
טרוים.

און די בלאקייט ווערט כוואליע און
טייך און ים,
אנונג פון סוד און זיין הייליקער גראם.

װערט טראט און טופּע און טאנץ און פרייד,
װערט פרייד איבער פרייד און אייבי־
קייט.

װערט פלימער און שימער און שטראל און ליכט,
װערט שאטן, װערט חומר און װערט
געזיכט.

גאפּט דער שענקער און ס'גאפּט די פרוי,
װי ס'שפּארט פון דעם ייד ארױס דאס
בלוי.

און פילט אן דאס צימער און שפּארט זיך ארױס
און הילט איין מיט בלאקייט דאס גאנצע הויז
און — — — — — — — — — — — — — — — —



Grey dawn stands barefoot in the courtyard, tapping on the window pane.

The Jew wakes up, dresses, and goes his way: grey clothes, grey shoulder-pack, grey stick in hand, grey road underfoot. As he goes, greyness thickens around him, heavy as lead. 'Lord of the Universe,' he cries aloud, 'erase this endless greyness from my path. If I must wander the world, let my wandering have brightness and light.'

So he prays as he goes his way, and a blue butterfly appears, hovering before him in a landscape of greys on grey.

At the cross-roads, he sees a grey inn with a blonde woman on the threshold, dressed in blue. The Jew's thirsty eyes drink up the blue.

'Greetings, Jew,' says the woman. 'You must be tired. Come in a while; we've got plenty of bread and wine.'

Inside, the walls sparkle clean and blue; the master of the inn holds his youngest child on his knee and tells him of the blue kingdom, ringed about by blue rivers. As the Jew listens he grows drowsy with blueness. He dozes off; his dream spins out a blue path...blue field and forest, blue river, blue birds flying overhead.

But the grey road weeps outside: 'Why has the Jew abandoned me to the wind?'

'Wake up, Jew,' calls the innkeeper. 'The road's waiting for you.'

In his dream, the Jew smiles. He's standing at the gate of the blue kingdom now...and now the gate opens and he sees the three blue cities of the valley.

Blueness swirls and soars; it whispers; it swells into song, the music of the spheres; it takes the form of clouds and forests and dreams within dreams; blueness becomes leaf, branch, and tree, river and wave; it becomes the key to the mystery of things, and the ineffable joy of eternity; blueness becomes the pure light of heaven, becomes shadow, becomes fact, becomes visage.

The innkeeper and his wife gape in astonishment. Blueness emanates from the dreaming Jew; it fills the room, envelops the house. And —

## די באלאדע פון חנהלע דער יתומה

חנהלע די יתומה,
א לעבן אויף איר קאפ,
האט צוויי בלאנדע אויגן
און א בלאען צאפ.
און א טויטע מאמע אין קבר.

קומט דער מאמעס קבר
פארנאכט צו איר צוגיין,
זאגט דער מאמעס קבר:
"וויין, יתומהלע, וויין.
וועסטו באקומען א חתן".

פאלן זיבן טרערן
אין דער מאמעס קבר אריין.
פארוואס עפעס דווקא זיבן?
ווייל ס'דארפן מער נישט זיין,
כדי צו באקומען א חתן.

זאפט איין דער קבר די טרערן
און איידער וואס און ווען
וואקסט אויס פונעם קבר א חתן,
אזוינס האט נאך נישט געזען
די וועלט זינט מעשה-בראשית.

שניידט די בידנע יתומה
מיטן שערל דעם חתן אפ
פון דער מאמעס קבר.
א לעבן אויף זיין קאפ:
שוין איינמאל, צווייטמאל א חתן.

פארנויגט זיך שוין דער חתן
און קושט דער כלה די האנט:
"איך הייס, סיין יתומהלע,
אדאלף דיאמאנט,
דיין באשערטער, באגאלטער חתן".

און חנהלע א פארפלאמטע,
פראשעט אפ דאס גראז,
דאס קבר-גראז פונעם חתן
און דאס ווערימל פון דער נאז,
וואס איז דארט געבליבן הענגען.

דערנאך... דערנאך, פארשטייט זיך,
מאכט חנהלע א קניקס:
"איך הייסע, ליבער חתן,
חנהלע האבעניקס,
דיין ליב און לייב און לעבן".

דער חתן שטראלט - א מנורה,
"טא לאמיר תיכף גיין
צום גראנד-ראבינער מאזעס",
זאגט חנהלע: "ביטע שיין"
און זי נעמט אים אונטערן ארעם.

גייען זיי צום ראבינער
און דער קבר היפט נאך זיי.
דער אלטער ראבינער מאזעס
וווינט אין דער שטערן-אליי,
אט דארט דאס הויז מיטן גאניק.

דער קבר וווארט אין דרויסן
ביז דאס פארל קומט ארויס,
ער, אין א שווארצן צילינדער,
זי - מיט א בלומענשטרויס
פון סאמע ווייסע רויזן.

שטייט אין וועג דער קבר
און לאזט נישט ווייטער גיין
און ס'זאגט אזוי דער קבר:
"וויין, יתומהלע, וויין,
וועסטו האבן א טעכטערל, טאכטער".

פאלן זיבן טרערן
אין דער מאמעס קבר אריין,
פארוואס עפעס דווקא זיבן?
ווייל ס'דארפן מער נישט זיין,
כדי צו האבן א טעכטערל, טאכטער.

זאפט איין דער קבר די טרערן
און איידער וואס און ווען
וואקסט אויס פונעם קבר א טאכטער,
אזוינס האט נאך נישט געזען
די וועלט זינט מעשה-בראשית.

שניידט די בידנע יתומה
מיטן שערל דאס טעכטערל אפ
פון דער מאמעס קבר,
א לעבן אויף איר קאפ.
א טעכטערל, טעכטערל טאכטער.

טאנצט דער קבר פאר שמחה
"כ'האב שוין א נאמען נאך מיר!"
טאנצן די טאטע-מאמע,
טאנצן, הייסט עס פיר,
ווייל דאס טעכטערל טאנצט אין מיטן.

נאר ווייפל געדויערט א שמחה?
כ'מיין איר פארשטייט אליין,
זאגט דער חכשיט, דער איידעם
"שוויגער, איר קענט שוין גיין,
מיר דארפן אייך מער נישט האבן".

און דאס פאר מיטן טעכטערל-טאכטער
דערוויייטערן זייערע טריט
און נעמען א דינעם פאדים
אויף זייערע וועגן מיט,
וואס פארבינדט זיי מיטן קבר.

- - - - - - - - - - - - - - - - -

איך האב דאס ליד געזונגען
שטאט "זמירות" פרייטיק-צו-נאכטס,
און כ'האב מיין מוזע געגעבן
א לעפעלע איינגעמאכטס
פאר דער דאזיקער שיינער באלאדע.

[illegible], 1938

Hannelleh the orphan (may she live a long life!) has blond eyes, a blue braid, and a dead mother. In the evening her mother's grave comes calling: "Weep, my orphan child", says the grave, "weep, if you want a bridegroom".

Seven tears fall into the grave (you need only seven for a bridegroom), and in the twinkling of an eye a bridegroom blossoms -- no one has seen his like since the world began. With her shears the orphan girl cuts him from her mother's grave. He bows gracefully and kisses her hand: "Adolph Deamant at your service, my love, your destined, well-groomed bridegroom".

Blushing, Hannelleh scrapes the grass-blades from his clothes, brushes the worm from his nose, and then, of course, she curtsies. "My name is Hannelleh Havenot, dear sir, your beloved bride". He beams; she takes his arm; and off they go to the Chief Rabbi -- Rabbi Moses, of Star Alley -- with the grave hopping behind them. Outside the Rabbi's house the grave waits for the happy couple; they come out together, he in a black top hat, she with a bouquet of white roses.

The grave blocks their way. "Weep, my orphan girl", says the grave, "weep, if you want to have a little daughter".

Seven tears fall into the mother's grave (you need only seven for a daughter), and in the twinkling of an eye a daughter blossoms -- no one has seen her like since the world began.

The orphan girl cuts her daughter from her mother's grave. "now I have a name to live after me!" cries the grave; and all four of them dance together for joy: the father and mother, and the grave, and the little daughter (may she live a long life) in the middle.

But how long can a celebration last?

You know the end, I'm sure: the callous bridegroom turns and says, "Time to go, mother-in-law; we don't need you any more"; and off they go, the happy couple with their daughter, trailing the slender thread that ties them to the grave.

## די באַלאַדע פון דעם ייד וואס האט געפונען
## די האלבע לבנה אין א קארנפעלד

גייט א ייד קיין זאבלטאוו,
פירט ער אויף א שטריק א ציג,
נישט קיין ציג – אן אבן טוב,
געקויפט אין ווייטן לעמבעריק.
א ציג–ציג–ציג, אן אבן טוב,
געקויפט אין ווייטן לעמבעריק.

געדונגען זיך, צום סוף באצאלט
זיבן גאנצע "נייע",
"א מציאה", האט געזאגט
דער הינער–סוחר שייע.
גייט ער פריילעך, און דער ווינט
צעקעמט די בארד, מחיה.

גייט דער ייד און פירט די ציג
און ער טענצלט אונטער,
אין מערב–זייט פארגייט די זון,
בלוט און גאלד און צונטער.
און אז די זון פארגייט, איז וואס?
גייט נאך די וועלט נישט אונטער.

שטעלט דער ייד זיך ביי א בוים
און דאוונט מעריב מונטער,
שפרינגט דריי מאל, "קדוש" און די ציג
– שפרינגט אויך דריי מאל אונטער
אין מערב–זייט פארגייט די זון,
בלוט און גאלד און צונטער.

אפגעדאוונט, דאנקן גאט,
איז דארף מען ווייטער שפאנען,
ער האט נאך זיבן גאנצע מייל
ביז אהיים פון דאנען.
גייט ער ווייטער... פאזע וועג
רוישן די קאשטאנען.

טשיריק, טשיריק... א פויגל זינגט
טריל טריל טריל – די גרילן.
און אלץ ארום דאוונט פרום
אן טלית און אן תפילין.
א טייכל זינגט, א בושל טרינקט
דעם אוונט–טרונק דעם קילן.

פלוצים שטעלט זיך אפ דער ייד –
אין א פעלד מיט קארן,
זעט ער א פאדקאווע בליצט,
א זילבערנע פאדקאווע בליצט,
מסתמא האט א פריציש פערד
זי דא אין פעלד פארלארן.

הויבט ער די פאדקאווע אויף –
שיינען אויף די וועגן,
און זשוקעס, מיקן, פלאטערלעך
פלאטערן אים אנטקעגן.
און יעדער קוסט און יעדער בוים
זילבערט – א פארמעגן.

און מיט אמאל דערפילט דער ייד
ווי ס'נעמען אים די ווינטן
און טראגן אים ארויף ארויף
וווּ די וואלקנס קלינגען זיך צונויף
אזש בארד און פיאות פלאטערן
אין שפיל פון די געשווינטן.

שטייט און גאפט די ציג אין וועג,
די שטומע ווייסע בריאה,
שרייט דער ייד צו איר אראפ
"זיי געזונט, מציאה,
גריס מיין ווייבל זלאטע לעב
און מיין פעטער שיע!"

נאר ווער און וועמען און וואס מיר ציג,
ארום אים טאנצן שטערן,
זיי קלינגען זילבערדיק און דין –
א נחת זיי צו הערן.
א שאד נאר וואס די גרויסע פרייד
פארשטערן אים די טרערן.

אט זילבערט זיך דער מילך–וועג,
דער קייזערשטראז צום בורא.
וואס איז פאר אים איצט זאבלטאוו?
א ווילדע מעשה–נורא,
ווו ס'טאנצט דער דלות האפ–טשיק–טשאק
אין מיטן מארק א הורא.

זאגט דער ייד: "רבותי, הערט,
(דאס רעדט ער צו די ווינטן),
אויב ס'איז מיר יא א נס באשערט
און איך בין פטור פון דער ערד,
טא פרעג איך אייך, רבותי, הערט,
וואס טויגן די געשווינטן?"

נאר רעד און טענה צו א ווינט
אז זיי די שטיפערס, ווילן
כאפן זיי א ייד פון וועג,
א פראסטן ייד פון אלע טעג,
און נעמען אים אויף א געיעג
דעם "פלי אין ווינט" צו שפילן.

פליט דער ייד און אונטער אים
פליען בערג און טאלן.
שטילע דערפער, סטויגעס היי
און פליגל–מילן מאלן.
מאמעס זינגען: ליו ליו ליו
און ס'ליכטיקן שפיטאלן.

פליט דער ייד און זינגט א ליד:
"וואס איז פון מיר געווארן?
א וואגלער איבער ווייט און צייט,
אן אומרו צווישן גאט און לייט,
א ניגון טרויעריק און פארשייט
אויף א לבנה–הארן".

– – – – – – – – – – – – – – –

איר פרעגט וואס איז דער סוף פון ליד?
איר ווילט עס אלע וויסן?
סע לאזט דער זאבלטאווער ייד
אייך אלע הארציק גריסן.
נאר מאכט א שווייג, זיין פלוניתטע
זאל גארנישט זיך דערוויסן.

לאָזנאַן, 1941

# THE BALLAD OF THE JEW WHO FOUND A HALF-MOON IN A CORNFIELD

A JEW leads his goat home to Zabeltov. A rare goat, a treasure—he paid seven brand new dollars for it. 'A bargain!' said Shya the chicken-merchant.

Cheerfully the Jew walks homeward, dancing a little now and then, and the goat leaps along behind him. So what if the sun is setting in the West—it isn't the world that's setting, is it? He pauses cheerfully near a chestnut tree to say his evening prayers. But prayers over, he must hurry: there are still seven miles to go.

As he walks along, leading his goat by a rope, the birds sing, crickets chirp, all of nature seems at prayer.

Suddenly, the Jew stops short. A silver horseshoe flashes in the cornfield. He picks it up, and every bush and tree turns silver-bright, the roadways light up, and beetles, gnats, butterflies flutter toward him. And all at once the Jew feels himself being carried upward. Up into the clouds he flies, beard and ear-locks whirling with the winds. Far beneath, the goat stands and gapes.

'Farewell, my bargain! Regards to my wife Zlotteh (may she live in peace) and to my uncle Shya.'

Stars dance around him, slender and silvery, a pleasure to behold. And there's the Milky Way, the royal road to the Creator—how can he think of wife or goat now, or of his poor town of Zabeltov where misery struts like a whore in the market-place?

Says the Jew: 'Gentlemen, listen,' (talking to the winds), 'If I'm really destined for a miracle, if I'm rid of the earth once and for all, then what's the point of all this whirling about?'

But how can you reason with the winds, I ask you, when they've deicded to catch a Jew on the road, a plain, ordinary Jew, and lead him a merry chase? So the Jew whirls and flies, and mountains, hills, and valleys fly beneath, quiet villages, haycocks, turning wind-mills, hospitals and huts. And as he flies, the Jew sings:

'Where now? What next? I've become a wanderer through space and time, a restlessness beeween God and man, a sad and wanton melody swinging from the horn of the moon.'

How will it all end, you ask? Well, I can tell you this much: the Jew of Zabeltov sends you his best regards, and asks you to keep quiet about this, so that his better half won't find out.